# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. VII, No. 11 50 CENTS A YEAR JULY, 1926


## THE GENERAL'S STORY

It was during my Indian service—stirring times, too, ripe with mutiny and murder. At that time I had in my regiment a little bugler. I had often noticed him as quite too fragile and delicate for the life he had to lead; but he was born in the regiment, and we were bound to make the best of him. His father, as brave a man as ever lived, had been killed in action — his mother had just drooped and died six months later.

She was the daughter of a fine Christian father, delicate, refined, and had brought up the boy strictly according to her light. She was generally respected, and the boy was her image; but, as he liked better going to prayer-meetings with her than joining in the horse-play of the other boys, he was not popular, and suffered from many a mocking jibe in consequence. After his mother died his life was made a misery to him by the scoffing jokes of the men.

About two years later, when Willie Holt was fourteen, the regiment was bivouacing some miles from camp for rifle practice. I had intended leaving the lad behind, thinking him too delicate for such work, but my sergeant-major begged hard to "take him along."


**40 Cents WORTH FOR 25 Cents**

**Send us 25c. in coin or Stamps and we will mail you a 40c New Testament in Hebrew, Yiddish or English. Should our supply be gone, however, we reserve the right to return your money:**

**Address: The Shepherd of Israel**

**27 Thrpop Ave., Brooklyn, N. Y.**


"There is mischief in the air, Colonel," he said, "and rough as they treat the lad—and they do lead him a life—his pluck and his patience tells on 'em, for the boy is a saint, sir, he is."

"I don't believe in saints," I answered shortly, "but let him go."

I had a rough lot of recruits just then, and before we had been out a fortnight several acts of insubordination had been brought to my notice, and I had determined to make an example of the next offense by having the culprit flogged.

One morning it was reported to me that, during the night, the targets had been thrown down and otherwise mutilated, and the usual practice could not take place. This was serious, indeed, and on investigation the rascally act was traced to a man or men in the very tent where Willie Holt was billeted, two of them being the worst characters in the regiment. The whole lot were instantly put under arrest to be tried by court martial, when enough evidence was produced to prove conclusively that one or more of the prisoners were guilty of the scandal. It seems to me that the one who employs one has always had the right to tell his employee what he would have him to do. (It is crime.) In vain were they appealed to produce the men, and at last I spoke:

"We have all heard the evidence that proves the perpetrator of last night's dastardly act to be one of the men before us;" then turning to the prisoners, I added: "If any one of you who slept in No. 4 tent last night will come forward and take his punishment like a man the rest will get off free; but if not, there remains no alternative but to punish you all—each man in turn to receive ten strokes of the cat."

For the space of a couple of minutes dead silence followed; then, from the midst of the prisoners where his slight form had been almost hidden, Willie Holt, came forward. He advanced to within a couple of yards from where I sat; his face was pale; a fixed intensity of purpose stamped on every line of it, and his steadfast eyes met mine clear and full.

"Colonel," said he, "you have passed your word that if any of those who slept in No. 4 tent last night comes forward to take the punishment, the rest shall get off scott-free. I am ready; and please may I take it now?"

For a moment I was speechless, so utterly was I taken by surprise; then in a fury of anger and disgust, turned upon the prisoners.

"Is there no man among you worthy of the name? Are you all cowards enough to let this lad suffer for your wrong acts? for that he is guiltless, you must know as well as I." But sullen and silent they stood—never a word.

Then I turned to the boy, whose patient, pleading eyes were fixed on my face, and never in all my life have I found myself so painfully situated. I knew my word must stand, and the lad knew it, too, so he repeated ence more, "I am ready, sir." Sick at heart I gave the order, and he was led away for punishment.

Bravely he stood, with back bared, as one—two—three—strokes descended. At the fourth, a faint moan escaped his white lips, and as the fifth fell, a hoarse cry burst from the group of prisoners who had been forced to witness the scene, and, with one bound, Jim Sykes, the black sheep of the regiment, seized the cat, as, with choking grasping utterance, he shouted:

"Stop it, Colonel, stop it, and tie me up instead. He didn't do it, I did;" and with convulsed and anguished face he flung his arms around the boy.

Fainting and almost speechless, Willie Holt lifted his eyes to the man's face and smiled—yes, a smile—"No, Jim," he whispered; "you are safe now, the Colonel's word will stand." His head fell forward—he had fainted.

The next day as I was making for the hospital tent where the boy lay, I met the doctor.

"How is the lad?" I asked.

"Sinking, Colonel," he said quietly.

"What!" I ejaculated, horrified beyond words.

"Yes, the shock of yesterday must have been too much for his strength: I have known for some months it was only a question of time," he added; and "this affair has hastened matters."

A subdued murmur came from the further corner of the tent, and the sight that met my eyes I shall never forget.

The dying lad lay propped up on pillows, and half-kneeling, half-crouching, at his side was Jim Sykes. The change in the boy's face startled me, it was deathly white, but his great eyes were shining with a wonderful light. He was talking earnestly, but neither of them saw me.

At that moment the kneeling man lifted his head, and I saw the drops of sweat standing on his brow as he muttered brokenly—

"Why did ye do it, lad? Why did ye?"

"Because I wanted to take it for you, Jim," the weak voice answered. "I thought if I did, it might help you to understand a little bit why Christ died for you."

"Why Christ died for me?" the man repeated slowly.

"Yes, He died for you because He loved you, as I do, Jim, only He loves you more. I only suffered for one sin, but Christ took the punishment of all the sins you have ever committed. The punishment of all your sins was death, Jim, and he died for you."


**$100.00 REWARD**

**to any Jew who will prove from the Bible that KADDISH, (prayer repeated in the Synagogue for dead parents) is binding upon children and saves the parents from hell.**


"Christ has naught to do with such as me, lad, I'm one of the bad 'uns; you ought to know that."

"But he died to save 'bad ones'—just them. He said, 'I came not to call the righteous but sinners' (Mark 2:17). 'Though your sins be as scarlet they shall be as white as snow; though they be red like crimson, they shall be as wool' (Isa. 1:18) Jim," the earnest voice pleaded passionately, "shall He have died in vain? Listen! He has poured out His precious life-blood for you. Knocking; won't you let Him in? Oh! you must—then we shall meet again."

The lad's voice failed him, but he laid his hand gently on the man's bowed head.

A choking sob was the only answer, and for a few minutes there was silence.

Standing there in the shadow, I felt my own heart strangely stirred. I had heard such things once—long ago. Thoughts of the mother I had idolized came floating back out of the dead past, and the words seemed a faint echo of hers.

(Continued on inside page)

דערפאר זאָגען מיר דאָ אז ווען אי־ען וועלען טהון די עובדא וואָס גאָט האָט אויף זיי ארויפגע־לעגט דהיינו אז זיי זאָלען זיין עדות פאר איהם צו דער וועלט, וועלען אידען דאדורך זיין די גליק־ליכסטע פון אלע, ווייל זיי וועלען צוריק ווערען דאס "עם סגולה" און א "ממלכת כהנים וגוי קדוש".

איינסטווייל ווילען דאָס אידען נאָך נישט טהון אלס א פאָלק. זיי שווייגען און ווילען ניט עדות זאָ־גען. עס וועט אבער קומען א צייט ווען זיי וועלען עס יאָ טהון. גאָט זאָגט אונז דורך דעם נביא הושע: "בצר להם ישחרנני". ד"ה, ווען די גרויסע צרה, די "עת צרה ליעקב" (ירמיה ל') וועט אָנקומען, ווע־לען אידען זוכען גאָט און וועלען איהם געפינען אין ישוע המשיח. דאָרט אין איהם איז דער "אל מסתתר", און זיי וועלען דאן נישט מעהר זיין שטו־מע עדות נייערט רעדעוודיגע, און זיי וועלען דאן יא ווערען מיסיאָנערען פאר גאָט, דורך ישוע המשיח. ווילען אָבער אידען ווארטען ביז די "עת צרה" וועט אָנקומען און אזוי שרעקליך ליידען און ערשט דאן אויפמאכען דאָס אידישע מויל צו רע־ד'ען פאר גאָט?

עפּעס אַן עהנליכע שטומע טראַגעדיע האָט זיך געטראָפען ביי א פאַמיליע וואו זייער א 6 יעהריג מיידעל איז שטום געוואָרען פון א פאל. ווען זי איז אלט געוואָרען 25 יאהר האָט זי זיך פארליעבט אן א שטומען יונגען־מאן און האָט מיט איהם געהיי־ראט. שפּעטער האָט דיעזע פרוי געדארפט ווערען א מוטער, האָט זי אבער גרויסע חבלי לידה געהאט. זי האָט זיך נעביך געקאָרטשעט פאר גרויסע יסורים זי האָט געוואָלט שרייען, בעטען, אבער געה רייד אז מ'איז נעביך שטום. די יסורים זענען אבער אזוי העפטיג און אזוי שטארק געווען, אז זי האָט פּלוצים ארויסגעשריגען א וואָרט: — מאמע! און אין א מינוט שפּעטער ווען די וועהען זיינען נאָך שטאר־קער געוואָרען האָט זי אויסגעשריגען: — מאמע בעט פאר מיר! השב"ה האָט איהר געהאָלפען, זי האָט געבוירען א שעהן קינד און אמשטאדט דער שטומער פרוי איז זי געוואָרען א רעדעוודיגע מא־מע, אלץ דורך איהרע שרעקליך גרויסע ליידען.

די שרעקליכע "עת צרה" וואָס וועט קומען אויף אידען אזוי ווי די נביאים פערקינדיגען אונז, וועט אויך ארויספּרעסען די שטומקייט פון אידען און וועלען ווערען רעדעוודיג. הלואי וואָלט ישראל דאָס געקענט זעהען און פארשטעהן, און ווערען רעדעוו־דיגע עדות פאר גאָט בעפאר די עת צרה קומט און אין איין וועגס פארשפּאָרען צו ליידען פון די שרעק־ליכע צרה וואָס וועט קומען נעבעך אויף'ן אידי־שען פאָלק.

## $1000.00 באלוינונג

ווען איהר וועט בעווייזען וואו עס איז געשריבען אין דער תורה אז מ'זאל זאגען קדיש און אז דאס העלפט ארוים צו שלעפען די טויטע פון ניהנום.



## בית שר שלום

קאָר. טרופּ עוו. און וואלטאן סטריט, ברוקלין, נ. י.

קומט צו אונזערע פערזאמלונגען

פרייטאג נאכט 8 אוהר . . . . פיר מענער און פרויען

זונטאג נאכט 8 אוהר . . . . פיר מענער און פרויען

## דער איד אונד דער משיח

פּאָעמע פון מארק לעוו.

א.

הלואי וואָלסטו שוין לאנג מיין ברודער געוועהן,
דו האָסט דאָך געזויגען פון מיין מוטער'ס ברוסט,
הלואי, ווען איך האָב אויף דער גאס דיך דערזעהן,
וואָלט איך דיר אנטקעגען געלאָפען מיט לוסט!

הלואי וואָלט איך דיר געקושט מיט גרויס פרייד,
און וואָלט דיך געבראכט אין מיין מוטער'ס הויז;
איך וואָלט דאָך געוויס ניט געוואוסט פון קיין לייד.
און וואָלט פון דעם גלות געוועזן שוין לאנג לויז.

נור וועה! צו מיין אונגליק בין איך געוועזן בלינד,
מיין אויער איז מיר דאן געוועזן פארשטאָפּט, —
איך האָב ניט פארשטאנען, אז דו ביזט גאָט'ס קינד,
און ס'האָבען דיך פרעמדע פון מיר אויסגעכאפּט...

ב.

פרעמדע האָבען גע'ירש'ענט מיין ירושה,
וואָס האָבען מיין פאָטער קיינמאָל ניט געקענט:
וויא אַ יתום פערטריבען פול בושה,
בין איך פון מיינע אייגענע ווענט.

צווישען פעלקער פערשאָלטען און נמאס,
בלאָנדזשע איך שוין צוויי טויזענד יאָהר:
אין דער פינסטער, ווען אויף אלע אומות
לייכט זיין שיין אזוי העל, אַזוי קלאָהר.

אלע בענשען זיך נאָר אין זיין נאָמען,
און זיי פרעהט די ירושה פון מיר!
נאָר איך נעבעך אברהם'ס וואהרער זאָמען,
האָב קיין מינדעסט חלק אין איהר...

How long I stood there I know not, but I was roused by a hoarse cry from the man, and then I saw that the boy had fallen back on his pillow faint. I thought he was gone, but a few drops of cordial from the table at his side revived him. He opened his eyes, but they were dim, almost sightless. "Sing to me, mother," he whispered. "'The Gates of Pearl'—I am so tired."

In a flash the words came back to me; I had heard them often in that shadowy past, and I found myself repeating them softly to the dying boy:

"Though the day be never so long
It ringeth at length to evensong,
And the weary worker goes to his rest,
With words of peace and pardon blest.
Though the path be ever so steep
And rough to walk on and hard to keep,
It will lead when the weary road is trod
To the Gates of Pearl—The City of God."

As the last words fell from my lips, his eyes brightened and met mine gratefully.

"Thank you—Colonel," he whispered slowly; "I shall soon be there."

His tone of glad confidence seemed so strange: I said involuntarily, "Where?"

With a smile he answered:

"Why, in heaven, Colonel! The roll-call has sounded for me; the gates are open; the price paid." Then softly, dreamily, he repeated:

"Just as I am, without one plea,
But that Thy blood was shed for me."

Once more he lifted his eyes to mine. "You will help him, sir?" he breathed, laying his hand feebly on the head of the man still crouching at his side; "you will show him the way to—the—Gates—of—Pearl."

As each word fell haltingly, fainter and yet fainter came the breath from between his parted lips. Suddenly a light flashed into his dying eyes, and with a happy cry he flung out his arms as if in welcome:

"Mother! O mother!"

His voice rang out, thrilling the heart of every man who heard it. Then gradually the arms dropped, and the brave spirit of the boy had fled. There was silence in the room for some minutes when the General's voice ceased. Then Jack lifted his head, and the General saw that the hard, strained look in the grief-stricken face had gone.

"That was a grand object lesson."

"Yes; and it bore grand fruit. I can safely say that not one man of the many who had gathered round the tent that day, ever forgot it."

"And Jim?"

"Jim," answered the old General dreamily, "Jim and I helped each other. I made him my orderly, and I saw a great deal of him after that. He was mortally wounded in a brush with the natives later, and I was by his side when he died."

"'I shall see the little lad, Colonel,'" he whispered, as I tried to staunch the wound. 'Isn't it wonderful to think that his Savior is mine, too, and 'the Gates' are open for me?'"

*—The Evangelical Christian.*

איז דאך ממה נפשך: אוי פון אזא איד א גוטע זאך פטור צו ווערען, דאן, למה זה הרעש, זאל זיין א סוף אן עק. איז עס ווידער א מצוה אזוי איינעם צו רעטען, אם כן, פארוואס זיך עפעס דערשרעקען פאר א בריוועלע אין וועלכען מ'שרעקט דעם רב מיט'ן לעבען, וואו איז עפעס דער "קידוש השם", הא?

יא, אזוי איז נעביך דאס אידישע פאלק היינט. אזוי ווי א שיף אהן א רודער. מיט אמת האט אמאל ישוע געזאגט צו אידען "אהן מיר קענט איהר גאר ניט טהון".

ווען דער וועלטהער לעזער וועט גענוי בעטראכטען פערשידענע פאסירונגען צווישען אידען אין דער פערגאנגענהייט, געגענווארט און צוקונפט, וועט ער אויסגעפינען אז דיעזע ווערטער אזוי ווי אלע אנדערע ווערטער פון ישוע המשיח זיינען אמת וצדק.

זייט איהר שוין אמאל געווען ביי אונזערע פערזאמלונגען? ווען ניט, ווארום ניט? און ווען יא, טא קומט נאך אמאל, צוזאם מיט אייער גאנצער פאמיליע. עס איז פריי.

## תשעה באב און ציוניזם

ווידער אמאל שבעה־עשר בתמוז און נאך אמאל תשעה באב. ווידער אמאל סליחות און נאך אמאל קינות און פאסטען — טראכט ביי זיך דער עהרליכער איד און ער קלאגט, וויינט און זיפצט „על הר ציון ששמם" שוין באלד צוויי טויזענט יאהר. איי, עס איז דאך שוין אן אנדערע צייט און ניט דאס וואס ס'איז אמאל געווען? דאס הייליגע לאנד האט אריינגענומען אסאך פון איהרע קינדער. ארץ ישראל זעהט מעהר ניט אויס ווי א פערוויינטע אלמנה מיט א שווארצען שלייער אויפ'ן קאפ, זי האט זיך שוין אביסעל ערמונטערט. איהרע אויגען האבען שוין קיין שפור פון טרעהרען. זי האלט אויסגעשפרייט איהרע הענד און עמפפאנגט איהרע זיהן און טעכטער וועלכע זי אומארעמט אזוי הערצליך און נעמט זי אונטער איהרע פליגעל. טא פרעגט זיך, וואסזשע טרויערט נאך דער פרומער איד און שרייט נאך אויפ'ן קול „איכה ישבה בדד העיר"?

איהר חסידים און צדיקים! וואס קלאגט איהר? זעהט איהר דאס ניט? הויבט אויף אייערע אויגען און בעטראכט די פיעלע קאלאניס אין ארץ ישראל. בליקט ארויף אויף די שעהנע שטעדט וואס האבען אויפגעבליהט איבער נאכט אין דעם הייליגען לאנד. בעטראכט נור גוט די שעהנע שטאדט „תל אביב" און הערט־אויף צו קלאגען.

עפענט־אויף אייערע אויערען און הערט די בעריכטען פון דער גרויסער ארבייט וואס האט אזוי מערקווירדיג פראגרעסירט ארום דעם בארג ציון.

האט איהר ניט געהערט אז אידען האבען שוין אריינגעלעגט אין ארץ ישראל די ריעזיגע סומא פון פינפציג מיליאן דאלאר, (לויט די ערקלעהרונג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע צו דער ליעג אף נעשאנס) איז דאס ניט א געוואלטיגער פארטשריט, און איבערנאטירליכע באוועגונג צו איפלעבען דאס הייליגע לאנד וואס איז געוועזן וויסט? און האט איהר ניט געלעזען די סטאטיסטיק אז עס זיינען שוין אריינגעקומען אין דער נאציאנאלער היים הונדערט טויזענט גלות־אידען? האט דיעזער שטראם מיט געלד וואס האט דארט אריינגעפלאסען, ביי אייך, איהר פרומע אידען, קיין שום ווערטה? און מאכט דאס אידישע אוניווערזיטעט אויפ'ן הר הצופים גאר קיין איינדרוק ניט אויף אייך? ווארום זיינען אייערע אויגען נאך אלץ פארוויינט און ווארום זייט איהר נאך אזוי נידערגעשלאגען, פארצרה'ט און פערזארגט און איהר קלאגט נאך אימער אויפ'ן חורבן? פארוואס?

ענטפערן זיי אבער — דאס אלעס באלעבט אונז ניט. ווייל די גרויסע סומען געלד פון פינפציג מיליאן דאלאר וואס ס'איז דארט אריין געפלאסען, האט ביי אונז קיין ווערטה און עס ערקוויקט ניט אונזערע פערשמאכטע הערצער, ווייל גאט זאגט אונז דורך דעם נביא „חנם נמכרתם ולא בכסף תגאלו". (ישעיה נ"ב).

און ווידער די העברעאישע אוניווערזיטעט אויפ'ן הר הצופים איז אויך א קנאפע שמחה ביי אונז — זאגען די חסידים — ווייל דער פלאן פון דער אוניווערזיטעט שטימט ניט איין מיט'ן טראדיציאנעלען אידענטום, ווייל דארט זיינען פאראן אזאלכע פראפעסארען וואס לערנען ביבל־קריטיק מיט זייערע שטודענטען און אייניגע פון די פראפעסארען זיינען גאר עקסטרעמע ביבל־קריטיקער, ווי למשל פראפעסאר ערווארד מייער פון בערלין.

און טאקע מהאי טעמע ווילען די עהרליכע אידען פון איבעראל נישט בייזשטייערען פאר'ן ציוניזם, אזוי ווי למשל די פרומע אידען און די רבנים פון האלאנד וועלכע האבען זיך אויסגעדריקט מיט אייניגע וואכען צוריק, אז דאס אוניווערזיטעט פון ארץ ישראל וועט ארויסגעבען גוים אנשטאט אידען דורך דער "ביבעל־קריטיק" פון די דארטיגע לעהרערס און פראפעסארען. און אמשטאט "כי מציון תצא תורה" וועט גאר זיין "מציון תצא אפיקורסות".

און ווידער די הונדערט טויזענט גלות־אידען וואס האבען זיך דארט שוין באזעצט — זאגען די חסידים — זיינען ניט אהין געגאנגען זיך באזעצען לשם שמים נייערט ווייל זיי זיינען געצוואונגען געווען אהין צו געהן צוליעב די צרה'דיגע עקאנאמישע אומשטענדען אין וועלכע זיי זיינען געווען. דערפאר האבען די אלע פאסירונגען איבער אונז

"ארור אשר לא יקים את דברי התורה הזאת לעשות אותם ואמר כל העם אמן". (דברים כ"ז). ווי אזוי דענקט איהר פון דעם "ארור" פטור צו ווערען?

חסידים קיין איינדרוק געמאכט, טענה'ן זיי, און דארום האלטען מיר נאך אין איין קלאגען און זיפצען דעם אלטען "אלי ציון..."

ווייטער זאגען זיי, מיט אונז איז גאנץ אנדערש, ניט פאליטישע אדער עקאנאמישע אומשטענדען זיינען גורם אז מיר זאלען בענקען און לעכצען נאכ'ן הייליגען לאנד, ביי אונז בענקט זיך עפעס אנדערש. מיר געדענקען אז אין דעם הייליגען לאנד האט אמאל גאט'ס קול געערדט. דארט האט גאט אמאל אריינגענומען דאס אידישע פאלק און האט זיי געגעבען א ספעציעלע ערציהונג, א הייליגע עדיוקעשאן דורך זיינע הייליגע נביאים. דארט האט גאט זיך צו אונזער אומה אפענבארט און גערעדט אויף א צערטליכען אופן לאמר, "אתם עדי נאום ד'", איהר זענט מיינע עדות, איהר האט א מיסיאן, א שליחות צו ברינגען צו דער וועלט. דארט האט גאט צו אונז געזאגט דורך ישעיה הנביא "עם זו יצרתי לי תהלתי יספרו". (ישעיה מ"ג) ד"ה, גאט האט אונז געשאפען און פארמירט צו זיין פאסענדע און ווירקענדע עדות פאר איהם. אט דיעזע זכרונות און מעמוארען צאפלען זיך אין אונזערע מוחות און אין אונזערע הערצער. אט דאס ציהט אונז נאך דעם הייליגען לאנד. אבער ווען גאט ב"ה איז ניט אין דער גאנצער באוועגונג, וואס קען מען מיט געלד מיט דער אוניווערזיטעט און מיט די אנדערע שאר ירקות גאר אויפטהון? אט אזוי עקספליצירען די חסידים

איהר זענט דאך א איד, טא ווארום זאלט איהר ניט וויסען ווער דער אידישער משיח איז? קומט צו אונזערע פערזאמלונגען פרייטאג און זונטאג 8 אוהר אבענד, וועל מיר דאס אייך ערקלערען.

און די צדיקים זייער שטאנדפונקט צום ציוניזם און זיי קלאגען נאך אלץ אויפ'ן חורבן בית המקדש.

די אויבען דערמאנטע דיאלאג איז ניט עפעס א פאעזי, ניט בלויז א פילאזאפישע ספעקולאציע, נייערט לוידער א טרויעריגער פאקט, א טהאטזאך, עס איז רעאל אין דעם מאדערנען לעבען פון אידישען פאלק וועלכעס איז צוטיילט אין צוויי הויפט קלאסען, די גאנץ פרומע אידען און די אנדערע וועלכע מיר קענען אנרופען "אינדיפרענטיסטען". די ערשטע בענקען יא נאך דער געטליכקייט און די צווייטע בעקימערען זיך זעהר ווענינ וועגען גייסטיגקייט. זיי האבען נור איין וואונש און דאס איז, א נאציאנאלע היים אזוי ווי אנדערע פעלקער האבען. א לאנד מיט א פלאג און מיט שאר ירקות.

עס פרעגט זיך אבער, קענען דען ניט אלע אידען איינזעהן פון דעם תנ"ך אז גאט וואס האט גערעדט צו אונזערע עלטערן אויפ'ן בארג סיני און שפעטער דורך די נביאים אין ארץ ישראל, האט נאר איין תכלית מיט ישראל, נעהמליך, אז דאס "עם הנבחר" זאל ווערען א מיסיאנערישעם פאלק און פערקינדיגען דעם אלהי ישראל צו דער גאנצער וועלט.

יא, פארוואס האבען דאס אידען קיינמאל נישט נעטהון? פארוואס האבען זיי זייער הייליגע פליכט קיינמאל נישט אויסגעפיהרט? איז עס דען שפעט אפילו איצטער? עס איז קיינמאל נישט שפעט. יעדער איד קאן נאך היינט ברינגען אסאך גוים תחת כנפי השכונה דורך ישוע המשיח וואס איז דער איינציגער וועג צווישען גאט און מענש. מיר קענען היינט בחוש זעהן דעם אמת אין די ווערטער פון ישוע המשיח וואס ער האט אמאל געזאגט אין ירושלים: "אנכי הדרך... ואיש לא יבוא אל האב בלתי על ידי". (יוחנן י"ד) ווייל מיר זעהען די גרויסע מאסען מענשען פון פערשידענע נאציאנען וואס גלויבען אין ישוע המשיח אן זיי זענען דורך איהם געווארען בנים למקום.

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן י׳ 11

# רועה ישׂראל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל ל״ד 23

א מאָנאַטס בלאַט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

VOL. VII. No. 11 — 50 CENTS A YEAR — JULY, 1926


## רבי וויז'ס זוהן און ראזי גאָלדשטיין

מ'קאָן ניט פארבייגעהן פערשווייגענדיג דיעזע צוויי צופאַלען. נעמליך וועגען דעם זוהן פון ראבי וויז, וועגען וועלכען די אידישע צייטונגען האָבען צושמירט אויף טעלערלעך בכן אז ער האָט געזאָלט זאָגען אז ער גלויבט ניט אין אידענטום, און דער צווייטער פאַל איז, דאָס אידישע מיידעל ראזי גאָלדשטיין וועלכע איז געוואָרען א קאַטוילישע נאָנע.

מיר נעמען אין אנבעטראַכט דיעזע צוויי אינצידענטען, ניט ווייל מיר אינטערעסירען זיך און פרייען זיך מיט דעם וואָס איינער לייקענט אָב דאס אידענטום אָדער ווען איינער נעמט אָן דאָס קאַטאָליציזמוס, חלילה, מיר גלויבען אין אמת'ען אידענטום וואָס גאָט האָט אונז געגעבען דורך משה רבנו און דורך די נביאים, און מיר האָבען קיין שום סימפּאַטהי פאר קאטאָליציזם. נור וואס עס אינטערעסירט אונז יא, איז, דער פאקט, אז פון דעם אידישען בוים האלטען אין איין פאלען די בלעטער און האלטען אין איין אברעכען זיך די צווייגען.

דיעזע און עהנליכע פאלען זיינען אן אטעסטאט אז דאָס מאָדערנע אידענטום שטעלט ניט צופריעדען יענע רעכט־דענקענדע אידען וואָס לעכצען נאָך געטליכקייט. אזאָלכע אידישע קינדער געפינען ניט אין דער מאָדערנער אידישער רעליגיאָן גייסטיגע שפּייז פאר'ן הערץ וואָס הונגערט נאָך געטליכקייט. זיי געפינען אז די אידישע רעליגיאָן איז עפּעס א מין אויטאָמאטום, להבדיל, ווי ביי די כינעזער וועלכע האָבען א מאשין אין וועלכע זיי ווארפען אריין א געשריבענע תפלה און מ'גיט א דרעה מיט'ן מאשינדל און ס'מאָהלט זיך אָב א תפלה. דער דענקענדער מענש געפינט דאָסזעלבע ביי אידען, דאָס דאווענען ווערט ביי אידען אבגעמאָהלען מיט די צונג און פון דעם ליפּען־מאשינדעל קומט ארויס א תפלה, אבער אָהן הערץ און אָהן נשמה. דער מח איז אָנגעפילט מיט מחשבות זרות אי פאר'ן דאווענען אי בשעת'ן דאווענען און אי נאָכ'ן דאווענען.

די אידישע צערעמאָניעס זיינען דאָך אודאי מאשין־ארבייט... טרעפט זיך אבער אז א אידיש קינד געהט אריין אין א קאטוילישער קירכע אזוי ווי למשל א ראזי גאלדשטיין, און זעהט דאָרט שעהנערע צערעמאָניעס, מעהר אָנציהענדע ווי די אין דער אידישער שוהל, דענקט זי זיך: אויב די גאנצע אידישע רעליגיאָן באשטעהט נור אין צערעמאָניעס, טאָ פארוואָס ניט אָננעמען די קאטוילישע צערעמאָניעס וועלכע זענען שעהנער און מעהר אנציהענד; און אומר ועושה...

דאכציך אז דאָס האָט באוואוינגען ראָזי גאָלדשטיין אריבער צו געהן צו יענער רעליגיאָן.

די רבנים אין אלגעמיין ווילען אבער לחלוטין ניט פארשטעהן און קענען ניט משיג זיין אז דער מקור פון אזאָלכע טראגעדיעס געפינען זיך טאקע אין דער שוהל גופא, ווייל דאָרט איז א גרויסער מאנגעל אין גייסטיגקייט. שפּעטער און אפשר גאָר צו־שפּעט, כאפּען זיך די רבנים פּלוצים אויף, און פערזוכען אזאָלכע ראזי גאָלדשטיינס פון דאָרט ארויס צו רייסען. מ'האָט מרעיש עולמות געווען, מ'האָט געשריבען אין אלע צייטונגען אז א אידישער רב געהט ארויסשלעפּען דאָס אידישע מיידעל פון קלויסטער. ווי געוועהנליך בלאמירט מען די קאטאָליקען און מען בלאמירט די עלטערן פון דעם מיידעל פאר אזא טהאט. זיי, די רבנים ווילען אבער קיינמאָל ניט בלאמירען זיך זעלבסט פאר וואָס זיי גיבען ניט דעם הונגעריגען הערץ עפּעס צופריעדענשטעלענדעס אין זייער איינענעם נארטען כדי מ'זאָל ניט ברויכען צו געהן אין פרעמדע גערטנער...

> שיקט אונז צו 25 סענט אין סטעמפּס, וועלען מיר אייך שיקען א נייעם טעסטאַ־מענט אין אידיש, ענגליש אָדער העברע־איש. דאָס איז א גרויסער בארגען.

און וואָס דאן? יא דאן, שפּעקולירט מען און מ'קלערט אוים עפּעס א סקיהם, וואָס איז ניט מעהר ווי געשיט זאמד אין די אויגען, בכן, אזא פערזאָן איז ניט מיט אלעם... און מ'דאַרף דעם יעניגען פארשיקען ערגעץ אין א משוגעים הויז. אסאך אזאָלכע קרבנות זיינען נעביך אויסגעגאנגען מיט א לאנגזאמען און גרויזאמען טויט אלס רעזולטאט פון אזאָלכע מעשים טובים פון רבנים און פון עלטערן! "הוי חכמים בעיניהם ונגד פניהם נבנים". (ישעיה ה').

דאגעגען אבער די ריכטיגע אמת'ע אידישקייט וואָס גאָט האָט אונז געגעבען וועלכע ישוע המשיח האָט אונז אזוי קלאָהר און טריי צו פארשטעהן געגעבען, יא, ווען אָט דיעזע אידישקייט זאָל הערשען אין אידישע שוהלען וואָלטען אזאָלכע פאלען לגמרי ניט געקאָנט פאסירען, ווייל מיר וואָלטען אונזער ישוע המשיח געהאט אין אונזער אייגענער שוהל. דאָס וואָלט צופריעדען געשטעלט אונזער הערץ און נשמה און עס וואָלט דאָרט קיין לערקייט געווען פאר עפּעס אנדערש.

די תלמידים האָבען אמאָל געזאָגט צו ישוע המשיח: "האר, צו וועם זאָלען מיר געהן, די ווערטער פון עביגען לעבען איז דאָך נור מיט דיר". (יוחנן ו') און ווען יענע אידען דאמאָלס, און פיעלע צעהנדליגע טויזענטער אידען און ניט־אידען זייט דאמאָלס עד היום הזה, האָבען אין ישוע המשיח געפונען לעבען און צופריעדענהייט, קענען היינטיגע אידען גאנץ זיכער אויך דאָסזעלבע ביים משיח ערריכען.

דיעזעלבע אנזיכט קאָן אנגעגעבען ווערען וועגען דעם זוהן פון דעם פיעל געעהרטען ראבי וויז. די גייסטיגע וויסטקייט און לערקייט אין דענקענדען אידישען הערץ פעראורזאכט, ענטוועדער צו זוכען עפּעס בעסערעס, אָדער לגמרי אלעם אויפצוגעבען אין האָפנונגסלויזער פערצווייפלונג.

ווען די אידישע לאגע זאָל ניט זיין אזוי טרויריג וואָלט עס געווען זעהר קאָמיש. די רבנים און די אידישע מנהיגים זאָגען געוועהנליך אז ווען א איד ווערט א גלויביגער אין ישוע המשיח איז ער גאָר קיין פערלוסט צום אידענטום, ווייל ער איז גאָר קיינמאָל קיין איד ניט געוועזען, און וואָס פריהער ער טראָגט זיך אָב דעסטאָ בעסער איז עס פאר'ן אידענטום. לויט דיעזער אנשויאונג, דאַרף דאָך זיין א שמחה ביי אידען ווען אזא איד ווערט אויס־איד און ווערט א קריסט! (מיט'ן וואָרט "קריסט", מיינען מיר ניט א "גוי", אזוי ווי אידען דענקען, דאָנדערן א נאָכפאָלגער פון משיח, א משיחי). צום סוף לאָזט זיך גאָר אוים מיט א יללה, א געפילדער און מיט א קלאָג. א י י ן אידיש מיידעל האָט אויפגערודערט כמעט גאנץ אמעריקא! נו פרעגען מיר, וואו איז די לאָגיק און דער שכל פון די רבנים און מנהיגים?

דאָס גאנצע לאנד אמעריקא לייענט אין די בלעטער אז בכן, א רב רודערט־אויף א וועלט, ער איז פּשוט מרעיש עולמות אום צו רעטען דאָס אידישע מיידעל פון צו זיין א נאָנע, עס זאָל איהם אפילו קאָסטען זיין לעבען — האָט ער געזאָגט, מוז ער זי אויך פון דאָרט ארויס נעמען. און פּלוצים אזוי באלד ווי ער האָט בעקומען עפּעס א "ידידי" בריוועל פון דעם צד שכנגדו, האָט זיך דער רב דערשראָקען פאר זיין לעבען און האָט באלד אויפגעגעבען זיין אויפגעבלאָזענע העלדישקייט.


**Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**

**Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., under the Act of March 3, 1897.**